בס"ד

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ ז"ע

## אויף אידיש

גועקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת בלק
תשפ"ה
גליון קנ"א
שנה ד'

### בלק האט געלאזט רופן בלעם כדי אים צו ווייזן די פלעצער וואו די קללה קען חל זיין

**וּבָלָק בֶּן צִפּוֹר מֶלֶךְ לְמוֹאָב בָּעֵת הַהִוא. וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר פְּתוֹרָה... לִקְרֹא לוֹ לֵאמֹר...** (כב, ד-ה)

מען דארף דא פארשטיין: **א.** פארוואס שטייט נישט גלייך אנהייב פרשה אז בלק בן ציפור איז געווען מלך מואב, נאר הערשט נאך וואס מואב האט געזאגט פאר מדין אז זיי ציטערן פון די אידן? **ב.** אויף "**מלך למואב בעת ההוא**" זאגט רש"י, אז בלק איז נישט געווען ראוי למלכות, און ער איז בכלל געווען פון מדין, נאר דעמאלטס האט מען אים צייטווייליג אויפגענומען אלס מלך מואב, דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט מען אים אויפגענומען אויב ער איז נישט געווען ראוי למלכות? **ג.** וואס האט אויסגעפעלט "**לקרוא לו**" צו רופן בלעם צו בלק, אויב בלעם האט א כח צו שעלטן קען ער עס דאך טון פון זיין פלאץ? **ד.** וואס איז פשט "**לאמור**", פאר וועמען דארף דא בלעם עפעס זאגן?

נאר עס איז באוואוסט אז בלק איז אויך געווען א גרויסער מכשף און ער האט געוואוסט פונקט וואו עס גייט געשען בעתיד א פירצה אין כלל ישראל וואס דארט קען מען גרינג באזיגן די אידן (רש"י להלן כג, יד), אבער שעלטן האט ער נישט געקענט, וועגן דעם האט ער געדארפט האבן בלעם מיט זיך, כדי ער זאל קענען ווייזן די פלעצער וואו עס גייט געשען א פירצה און בלעם זאל דארט קענען שעלטן. אזויווי דער מדרש זאגט (במדב"ר כ, יח) אז בלק און בלעם זענען גלייך ווי צוויי מענטשן וואס איינער האט ביי זיך א מעסער אבער ער ווייסט נישט וואו צו שטעכן, און דער צווייטער קען זיך אויס מיט'ן שטעכן אבער ער האט נישט קיין מעסער, און נאר ביידע צוזאמען קענען אויספירן זייער מערדעריי.

לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט פארוואס די תורה זאגט נישט אנהייב פרשה אז בלק איז געווען "מלך מואב", ווייל ער איז טאקע נישט געווען זייער קעניג, נאר נאך וואס מואב האט אזוי געציטערט פאר די אידן האבן זיי דייקא אים אויפגענומען אלס קעניג, ווייל ער האט געהאט א כח צו טרעפן די פלעצער וואו די קללה קען חל זיין, און וועגן דעם טאקע האט ער געלאזט רופן בלעם "**לקרוא לו**" צו קומען צו בלק, ווייל אפילו בלעם האט א כח צו שעלטן איז עס נאכנישט גענוג, נאר ער דארף קומען צו בלק "**לאמור**" אז **בלק זאל אים זאגן** די פלעצער וואו די קללה קען חל זיין, און נאר דורך ביידע אינאיינעם האט מואב געהאפט צו געווינען די אידן.

און וועגן דעם שטייט ווייטער (פסוק ו) "**ועתה לכה נא ארה לי**" אז בלעם זאל דייקא **גיין** שעלטן די אידן, נישט פון זיין פלאץ, נאר ער זאל גיין צו בלק כדי בלק זאל אים ווייזן וואו די קללה קען חל זיין, און נאר דורך ביידע אינאיינעם האבן זיי געהאפט דאס צו קענען אויספירן.

### די שרי מואב זענען אין אנפאנג געקומען צו בלעם מיט גרויס הכנעה אבער נאכדעם איז זיין חשיבות דראסטיש געפאלן

**וילכו זקני מואב וזקני מדין... וישבו שרי מואב עם בלעם.** (כב, ז-ח)

פארוואס שטייט אין אנפאנג "**זקני מואב**" און נאכדעם שטייט "**שרי מואב**"?

קען מען זאגן, אז ווען די שרי מואב זענען געקומען צו בלעם האבן זיי אים זייער ארויפגעקוקט מיט גרויס הכנעה, ביז זיי האבן זיך אפילו נישט געהאלטן ווי הויכגעשעצטע הערן קעגן אזא חשוב'ע פערזענליכקייט, און קען אויך זיין אז בלעם מיט זיין שטאלצקייט האט זיי אויך נישט אנגעקוקט ווי חשוב'ע הערן נאר ווי סתם עלטערע פונעם פאלק.

אבער ווי נאר בלעם האט זיי געזאגט אז זיי זאלן נעכטיגן ביי אים ביז צופרי צו הערן וואס דער אויבערשטער וועט אים זאגן, און וועגן דעם טאקע זענען די זקני מדין אוועקגעגאנגען פון דארט ווי רש"י זאגט, איז זיין חשיבות ביי זיי דראסטיש געפאלן, און זיי האבן זיך שוין אנגעקוקט ווי חשוב'ע מיניסטארן קעגן אים, זיי זענען נישט סתם פשוט'ע "**זקני מואב**" נאר הויכגעשעצטע "**שרי מואב**"...

### בלעם וועט נישט קענען שעלטן אפילו אויב בלק וועט נאר אויספירן די קליינע חלק פון די קללה

**לֹא אוּכַל לַעֲבוֹר אֶת פִּי ה' אֱלֹקָי לַעֲשׂוֹת קְטַנָּה אוֹ גְדוֹלָה.** (כב, יח)

לכאורה וואלט געדארפט שטיין פארקערט "**לעשות גדולה או קטנה**", ווייל אויב א קליינע זאך קען ער נישט טון איז דאך א פשיטא אז א גרויסע זאך קען ער אודאי נישט טון?!

נאר בלק האט אים יעצט געשיקט זאגן (פסוק טז) "**כֹּה אָמַר בָּלָק בֶּן צִפּוֹר אַל נָא תִמָּנַע מֵהֲלֹךְ אֵלָי כִּי כַבֵּד אֲכַבֶּדְךָ מְאֹד**", דארף מען לכאורה פארשטיין, פארוואס האט ער זיך פאררופן אויך אויף זיין טאטע'ס נאמען "**בן צפור**"? אזוי אויך, פארוואס האט ער אים געזאגט א כפל לשון; "**כי כבד אכבדך מאד**"?

קען מען זאגן לויט ווי מיר האבן שוין געברענגט פונעם מדרש (במאמר הראשון) **אז בלק** איז אויך געווען א גרויסער מכשף און ער האט זיך גוט אויסגעקענט אין די פלעצער וואו די קללה קען חל זיין. איז ווען בלעם האט זיך אנטזאגט פון צו קומען, האט בלק געטראכט אז מסתמא האט ער מורא צו קומען ווייל ער ווייסט נישט וואו זיינע קללות קענען חל זיין. האט ער אים געשיקט זאגן: "**כה אמר בלק בן צפור**" ווי דער זוהר הק' זאגט (ח"ג קפד:) **אז בלק'ס** כישוף איז געווען דורך א **פייגל**, זאלסט וויסן אז איך בין אויך א גרויסע מכשף און איך וועל דיר צוהעלפן, איז "**אל נא תמנע מהלוך אלי**" דארפסטו נישט מורא האבן צו קומען, ווייל אונזביידע אינאיינעם וועלן מיר זיכער מצליח זיין.

האט בלק גלייך צוגעלייגט, אז אפילו איך וועל דיר דארפן ווייזן די פלעצער און אויב אזוי קומט זיך דיר נישט א האלב פון די כבוד פאר'ן שעלטן ווייל אן מיר וואלסטו דאך גארנישט געקענט טון, מיט דעם אלעם "**כי כבד אכבדך מאד**" - א כפל לשון, איך וועל איך דיר מכבד זיין **דאפלט** פון וואס עס קומט דיר - כאילו דו האסט אלעס געטון.

און לויט דעם שטימט זייער גוט וואס בלעם האט געענטפערט "**לא אוכל לעבור... לעשות קטנה או גדולה**", פארוואס האט ער קודם געזאגט "קטנה" און נאכדעם "גדולה"? נאר ער האט געזאגט פאר בלק, אז יעצט אז די קללה דארף גיין דורך אונז ביידע אינאיינעם, איז דארף איך אפילו נישט זאגן אז אויב מיין חלק וועט זיין "**לעשות קטנה**" צו טון די **קליינע** חלק און **דו** וועסט טון די **גרויסע** חלק, איז אפגערעדט אז מיר וועלן דאס נישט קענען טון, ווייל וויבאלד בלק איז דאך דער וואס איז אים בעיקר געגאנגען אין לעבן צו שעלטן די אידן, איז אויב ער גייט טון די גרויסע חלק, וועט ער עס דאך טון מיט זיין גאנצע הארץ, און דאס גייט זיין א געפערליכע קללה, איז קיין שום ספק נישט אז דער אויבערשטער וועט דאס נישט צולאזן. נאר אפילו אויב מיין תפקיד איז "**או גדולה**" צו טון די **גרויסע** חלק פון די קללה, בלייבט דאך איבער פאר דיר נאר די קליינע חלק, וואס דעמאלטס וועט עס דאך נישט זיין אזא געפערליכע קללה, ווייל פאר בלעם וואס האט די גרויסע חלק איז דאך אים נישט געגאנגען אין לעבן צו שעלטן, און בלק וואס איז אים יא געגאנגען אין לעבן צו שעלטן האט דאך נאר א קליינע חלק, טראכסטו אז עס קען יא מעגליך זיין אז דער אויבערשטער זאל צו דעם מסכים זיין, זאג איך דיר "**לא אוכל לעבור את פי ה' אלקי**" אז דאס קען איך אויך נישט טון, ווייל אפילו דאס וועט דער אויבערשטער אויך נישט צולאזן.

## בלעם האט געמיינט אז די אייזל איז א מענטש וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א בהמה

**וַיֹּאמֶר בִּלְעָם לָאָתוֹן כִּי הִתְעַלַּלְתְּ בִּי לוּ יֶשׁ חֶרֶב בְּיָדִי כִּי עַתָּה הֲרַגְתִּיךְ. וַתֹּאמֶר הָאָתוֹן אֶל בִּלְעָם הֲלוֹא אָנֹכִי אֲתֹנְךָ אֲשֶׁר רָכַבְתָּ עָלַי מֵעוֹדְךָ עַד הַיּוֹם הַזֶּה...**

(כב, כט-ל)

לכאורה איז שווער אפאר קשיות: **א.** וואס איז פשט פון "**כי התעללת בי**" דו האסט אפגעלאכט פון מיר, אפלאכן און פארשעמען איז דאך נאר שייך ביי א מענטש נישט ביי א בהמה (עי' ב"ק לה. רש"י ד"ה שורו)? **ב.** פארוואס האט בלעם געזאגט פאר'ן אייזל **כי "עתה" הרגתיך**, פארוואס וויל ער אים הרג'ענען דוקא **יעצט** נאכ'ן זיך עפענען דאס מויל און נישט גלייך ווען די אייזל האט אים געשטערט צו גיין? **ג.** וואס פעלט אויס די גאנצע אריכות פון "**הלוא אנכי אתנך אשר רכבת עלי מעודך עד היום הזה**"?

קען מען זאגן, אז ווען בלעם האט געזען אזא פלא'דיגע זאך אז א בהמה הייבט אן צו רעדן ווי א מענטש, האט ער געקלערט אז עס מוז זיין אז די אייזל איז באמת א מענטש וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א בהמה דורך א קללה (עי' סנהדרין סז:) און נאר וועגן דעם קען זי רעדן ווי א מענטש. און וועגן דעם האט ער געזאגט "**כי התעללת בי**", ווייל אויב ביזטו באמת א מענטש איז דאך שייך ביי דיר אפצולאכן און פארשעמען, און וועגן דעם האט ער געזאגט: **לו יש חרב בידי כי "עתה" הרגתיך** דייקא יעצט וואלט איך דיר גע'הרג'עט, ווייל פארדעם האב איך דיר געהאלטן פאר א בהמה וואס טוט עס אן קיין דעת, אבער יעצט אז דו טוסט עס יא מיט שכל קומט זיך דיר א שטראף.

האט די אייזל צוריקגעענטפערט פאר בלעם: "**הלא אנכי אתונך אשר רכבת עלי מעודך עד היום הזה**" אז זי איז שוין יארן לאנג זיין אייזל, און א קללה צו פארוואנדלען א מענטש אין א בהמה קען נישט שולט זיין פאר מער ווי זיבן יאר (וכן מצינו בנבוכדנצר עי' דניאל ד, כ-כב), איז אויב בין איך שוין אן אייזל פאר אזויפיל יאר, מוז דאך זיין אז איך בין נישט א מענטש, און איך האב עס נישט געטון מיט דעת ווייל איך וויל דיר פארשעמען, נאר ווייל א מלאך האט זיך מיר געשטעלט אין וועג.

מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **יואל וואלף ווייסמאן** הי"ו
לרגל אירוסי בתו שתחי' למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה
ויזכה לבנות בית נאמן בישראל